ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

## ויקרא

אידיש

**824**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזהשי"ת

# ספר
# קב הישר
## השלם
## אַ לעבענס-וויכטיג ספר פאַרן נפש און נשמה

❖

## סדר ויקרא

❖

וואס עס האָט פארפאסט דער הייליגער רב, געלערנטער מאַן, באוואוסט אין אַלע חכמות און סודות התורה, געלענציגער מוכיח און בעל-מופת, געהויבענער צדיק, געטליכער מקובל.

**מוהר"ר צבי הירש קאיידנאוור זצוק"ל**

**פון דער קהילה פראנקפורט דמיין**

**אין אידישער איבערזעצונג**

איבערגעאַרבעט לויט די היינטיגע אידישע שפראַך

יוצא לאור
שנת תשס"א לפ"ק
פה ברוקלין יצ"ו

# לוח לפי סדר הפרשיות של כל השנה

## סדר בראשית

1. בראשית — פרק א-ב
2. נח — פרק ג-ד
3. לך-לך — פרק ה-ו
4. וירא — פרק ז-ח
5. חיי-שרה — פרק ט-י
6. תולדות — פרק יא-יב
7. ויצא — פרק יג-יד
8. וישלח — פרק טו-טז
9. וישב — פרק יז-יח
10. מקץ — פרק יט-כ
11. ויגש — פרק כא-כב
12. ויחי — פרק כג-כד

## סדר שמות

13. שמות — פרק כה-כו
14. וארא — פרק כז-כח
15. בא — פרק כט-ל
16. בשלח — פרק לא-לב
17. יתרו — פרק לג-לד
18. משפטים — פרק לה-לו
19. תרומה — פרק לז-לח
20. תצוה — פרק לט-מ
21. כי-תשא — פרק מא-מב
22. ויקהל — פרק מג-מד
23. פקודי — פרק מה-מו

## סדר ויקרא

24. ויקרא — פרק מז-מח
25. צו — פרק מט-נ
26. שמיני — פרק נא-נב
27. תזריע — פרק נג-נד
28. מצורע — פרק נה-נו
29. אחרי — פרק נז-נח
30. קדושים — פרק נט-ס
31. אמור — פרק סא-סב
32. בהר — פרק סג-סד
33. בחקותי — פרק סה-סו

## סדר במדבר

34. במדבר — פרק סז-סח
35. נשא — פרק סט-ע
36. בהעלותך — פרק עא-עב
37. שלח — פרק עג-עד
38. קרח — פרק עה-עו
39. חוקת — פרק עז-עח
40. בלק — פרק עט-פ
41. פנחס — פרק פא-פב
42. מטות — פרק פג
43. מסעי — פרק פד

## סדר דברים

44. דברים — פרק פה-פו
45. ואתחנן — פרק פז-פח
46. עקב — פרק פט-צ
47. ראה — פרק צא-צב
48. שופטים — פרק צג-צד
49. תצא — פרק צה-צו
50. תבא — פרק צז-צח
51. נצבים — פרק צט
52. וילך — פרק ק
53. האזינו — פרק קא
54. ברכה — פרק קב

בס"ד

דער ספר **קב הישר** איז געטיילט לויט פרקים, לויטן סדר הפרשיות פון יאָר, כדי צו קענען ענדיגן דעם ספר יעדעס יאָר, דורך לערנען יעדע וואך צוויי פרקים.

❖❖❖

ערליכע אידן פלעגן האלטן דעם ספר "**קב הישר**" אין זייער טלית-בייטל, און אזוי קען מען לייכט משלים זיין באלד נאכן דאווענען יעדן טאג לויט'ן סדר פון יענע פרשה.

❖❖❖

בעזרת השם יתברך

# פרק מז-מח

## ויקרא

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ טעם פאַרוואָס די אַמאָליגע חסידים האָבן געגלוסט מקריב צו זיין אַ קרבן חטאת. - אין די פיר תקופות פון יאָר ווערן ערוועקט דינים ח״ו, און דאַן איז די צייט פון תשובה. - אַ טעם פאַרוואָס דאָס אונטערלייגן אייזן ראַטעוועט פון מדת הדין אין דער תקופה. - ווען עס מערן זיך די עבירות רח״ל, טרייבט די מדת הדין די מענטשן צו שפיכות דמים ח״ו.

דער ענין פון בלאָזן שופר פון ראש חודש אלול. - די רמזים פון תקיעה, שברים, תרועה. - ביים הערן שופר זאָל דער מענטש זאָגן די י״ג מדות של רחמים. - די וויכטיקייט פון מעורר זיין דעם חבר צו תשובה און מעשים טובים. - א מעשה פון איינעם פון די תלמידים פון דעם אריז״ל. - די מעלה פון תשובה באַהאַלטענערהייט.

בס"ד

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פ' פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכנים בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצווה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנים בלבנו בטחון ואמונה בה', ע"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) מכתם לדוד שמרני א-ל כי חסיתי בך (שם טז, א).
2) הפלה חסדיך מושיע חוסים ממתקוממים בימינך (שם יז, ב).
3) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' (שם כז).
4) אלו-הי בך בטחתי אל אבושה אל יעלצו אובי לי (שם כה, ב').
5) שמרה נפשי והצילני אל אבוש כי חסיתי בך, תם וישר יצרוני כי קויתיך (כה).
6) אם תחנה עלי מחנה לא ירא לבי אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח (כז).
7) ה' עזי ומגני בו בטח לבי ונעזרתי ויעלוז לבי ומשירי אהדנו (לא, כה).
8) בך ה' חסיתי אל אבושה לעולם, בצדקתך פלטני (שם לא, ב').
9) ואני עליך בטחתי ה' אמרתי אלו-הי אתה (שם לא, טו).
10) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא, כה').
11) כי בו ישמח לבנו כי בשם קדשו בטחנו (שם לג, כא).
12) כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיענו (מד, ז').
13) השלך על ה' יהבך והא יכלכלך, לא יתן לעולם מוט לצדיק (נה, כג).
14) באלוקים אהלל דברו, באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי (נו, יב)
15) חנינו אלוקים חנינו כי בך חסיה נפשי, ובצל כנפיך אחסה עד יעבר הוות (נז).
16) כי היית מחסה לי, מגדל עוז מפני אויב (שם סא, ד').
17) על אלוקים ישעי וכבודי, צור עזי, מחסי באלוקים (שם סב, ח').

# אינהאלט
## פון פרקים מ״ז - מ״ח


א. אין פרק מ״ז ווערט ערקלערט פאַרוואָס אַמאָליקע חסידים האָבן געגלוסט צו ברענגען אַ קרבן חטאת. - אין פיר צייטן פון דעם יאָר ווערן ערוועקט די דינים, און דאַן איז די צייט זיך צו דערוועקן אין תשובה. - דער טעם פאַרוואָס דאָס לייגן אייזן ראַטעוועט פון די דינים. - ווען עס מערן זיך די בעלי עבירה חס ושלום, ווערן מענטשן געשטרויכלט מיט די עבירה פון רציחה. ........ה

ב. ווען עס פאַלן אויס די תקופות זאָל מען לייגן אייזל אויף די מאכלים און געטראַנקען ........ו

ג. אין פרק מ״ח ווערט ערקלערט דאָס ענין פון תקיעת שופר אין חודש אלול. - דער שופר איז מעורר דעם קרן פון דוד המלך, און דעם קרן פון דעם איל ביי עקידת יצחק. - די רמזים פון ״תקיעה שברים תרועה״. - ווי אַזוי אַ תלמיד פון דעם אר״י ז״ל האָט מעורר געווען אידן צו תשובה און מעשים טובים. ........יא

ד. דאָס האַרץ דאַרף אויפציטערן ווען מען הערט שופר ........יב

ה. די רמזים פון ״תקיעה שברים תרועה״ ........יב

ו. איינער דאַרף מוכיח זיין דעם צווייטן ........יג

ז. אַ מעשה מיט אַ תלמיד פון דעם אריז״ל, ווי ער האָט מעורר געווען אַנדערע אידן צו תשובה ........יג

ח. די בעסטע תשובה איז באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי צדקה ........טו


❖ ❖ ❖

# פרק מ״ז

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: פאַרוואָס אַמאָליגע חסידים האָבן געגלוסט צו ברענגען אַ קרבן חטאת. - אין פיר צייטן פון דעם יאָר ווערן ערוועקט די דינים, און דאַן איז די צייט זיך צו דערוועקן אין תשובה. - דער טעם פאַרוואָס דאָס לייגן אייזן ראַטעוועט פון די דינים. - ווען עס מערן זיך די בעלי עבירה חס ושלום, ווערן מענטשן געשטרויכלט מיט די עבירה פון רציחה.**

**א. בגמרא,** אין דער גמרא אין מסכת נדרים (דף י׳ עמוד א׳) שטייט, די אַמאָליגע ערלעכע אידן האָבן געגלוסט צו ברענגען אַ קרבן חטאת.

**געפעלט** מיר צו זאָגן דער טעם דערפון, ווייל זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויף זיך, אַז עס זאָל נישט זיין אויף זיי קיין שום פגם, קיין פלעק פון אַן עבירה אַפילו אומווילנדיק, און זיי האָבן געוואָלט באַלד אָפּטוהן דעם זינד, כדי זיי זאָלן נישט זיין אַפילו אַ קורצע צייט אונטער דער הערשאַפט פון דער סטרא אחרא, און אַז עס זאָל מקויים ווערן ביי זיי דער פסוק (דברים יג, יח) ״וְלֹא יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן הַחֵרֶם״, און עס זאָל זיך נישט אָנקלעבן אין דיין האַנט קיין שום אומווירדיקייט.

**און** אויב אַזוי, מה דאָך אַז אויף די עבירות וואָס זיי האָבן געטוהן אומווילנדיק האָבן זיי געברענגט אַ קרבן, איז דאָך אַוודאי געוויס אויף די עבירות וואָס אַ מענטש טוט ווילנדיק. אויף די אַלע עבירות וועט דער אויבערשטער משפט׳ן דעם מענטש, און אויב ער וועט אים ברענגען צום משפט, קען דער מענטש נישט אויסהאַלטן אַלע דינים און יסורים. דער אויבערשטער איז דאָך אָבער אַ בעל הרחמים און

לייטזעליק, ווייל ער נישט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, נאָר ער זאָל תשובה טוהן אויף זיין שלעכטס און דאַן וועט ער לעבן.

**צוליב** דעם טעם איז תשובה באַשאַפן געוואָרן פריער איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן (פסחים דף נ"ד עמוד א'), צו ווייזן, אַז ווען נישט די תשובה, וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין קיום אַפילו פאַר איין שעה, און אין אַלע פיר צייטן פון דעם יאָר ווען עס פאַלט אויס די תקופה (דהיינו, תקופת ניסן, תקופת תמוז, תקופת תשרי און תקופת טבת) רופט מען אויס אויף די תשובה, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת ויקרא (דף ט"ו עמוד ב'), ווי פאָלגענד:

**ב. תניא,** מיר האָבן געלערנט, אין פיר תקופות פונעם יאָר ווערן דערוועקט די דינים, אָבער תשובה האַלט זיי צוריק ביז דער מענטש פאַרריכט זיינע מעשים. און ווען עס ווערן דערוועקט די דינים, גייט אַרויס אַ קול פון איין עק וועלט צום צווייטן עק, און זיי (די מלאכים פון מדת הדין) גייען אַרויף און אַראָפּ, דער קול רופט אויס און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל נתעורר ווערן פון דעם כרוז.

## ווען עס פאַלן אויס די תקופות זאָל מען לייגן אייזן אויף די מאכלים און געטראַנקען

**און** וועגן דעם האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה מרמז געווען אַז מען זאָל זיין געוואָרנט אין די פיר תקופות פון יאָר, פון דעם טראָפּן בלוט וואָס איז אַ רמז אויף די דינים וואָס ווערן דערוועקט און נידערן אויף דער וועלט. און אויף דעם איז דאָ אַ תקנה דורך לייגן אייזן (אויף די שפייז און געטראַנקען), וואָס ראַטעוועט פון די דינים פון דער תקופה.

**מען** קען געבן דערויף אַ גוטן טעם וואָס זאָל געפעלן דעם אויבערשטן און פאַר מענטשן, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים ב, ט) "תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל". און איך האָב געטראָפן בשם אַ גדול, וואָס ער האָט געזאָגט דעם רמז, אַז אויף דעם האָט דוד המלך עליו השלום

מתפלל געווען, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל צעברעכן און צעשטערן די (חיצונים) וואָס זיי זענען מצער די אידן, אין זכות פון די צוועלעף שבטים וועלכע זענען געבוירן געוואָרן פון די פיר מוטערס, וואָס זייער ראשי תיבות איז ״ברזל״: ״בלהה, רחל, זלפה, לאה״.

**ג. והטעם,** און דער טעם פאַרוואָס דער זכות פון די אמהות שטייט אונז ביי גערעטעוועט צו ווערן פון די שווערע דינים איז, ווייל דער גאַנצער ענין פון בלוט ווייזט אויף שווערע דינים וואָס זיי קומען פון דער זייט פון די נקיבה אין די סטרא אחרא, וואָס דאָס איז די מרשעת לילי״ת מיט אירע מחנות, וואָס אין איר זענען אָנגעשלאָסן די פינף קאָלירן פון טמא׳נעם בלוט. און דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס די חכמים זכרונם לברכה זאָגן אין מסכת נדה (דף ל׳ עמוד ב׳) אַז די טעכטער פון די כותים זענען נדות נאָך פון זייערע בעטלעך, ווייל די טמא׳נע מחנה פון לילי״ת ווערט אָנגערופן ״עֲרִיסָה״, פון לשון ״עֶרֶס״ און ״ארס״, די גיפט פון דעם נחש הקדמוני, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ו׳, ד) ״הַשֹּׁכְבִים עַל מִטּוֹת שֵׁן וּסְרֻחִים עַל עַרְשׂוֹתָם״.

**מה שאין כן,** אָבער די מחנה פון די שכינה ווערט אָנגערופן ״מִטָּה״, ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ג, ז) ״הִנֵּה מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים״ וגו׳. און וויבאַלד דאָס פריער דערמאַנטע בלוט קומט פון די פינף טמא׳נע בלוטן, וואָס זייער השתלשלות קומט פון די מרשעת לילי״ת, וואָס זי איז די פרוי פון סמא״ל, דעריבער איז נישטאָ קיין עצה אָפּצושוואַכן זייער כח נאָר דורך די נוקבא פון די קדושה, וואָס זיי זענען די אמהות, וואָס פון זיי זענען אַרויסגעקומען די צוועלעף שבטים.

**און** דעריבער דאַרף דער מענטש זיין געוואָרענט צו וואָרענען די ווייבער ווען זיי לייגן אַוועק דאָס אייזן אין דער צייט פון דער תקופה, אַז זיי זאָלן געדענקען דעם זכות פון די אמהות, בלהה, רחל, זלפה, לאה, אַז זייער זכות זאָל פאַר אונז ביישטיין אונז צו ראַטעווען

פון אַלע שלעכטע און שווערע גזירות, ווייל עס איז אַ גרויסער ענין ווען מען שטעלט צוזאַמען די מעשה מיט דער מחשבה, און דאָס איז אַ גרויסער און באַליבטער יחוד פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, און עס ראַטעוועט פון אַלעם בייזן מיט דער הילף פון דעם אויבערשטן, דער ג-ט פון די אידן. און דעריבער, ווען עס מערן זיך די זינדיקע צווישן די אידן ח״ו, דעמאָלטס יאָגט זיי נאָך די מדת הדין ח״ו.

**ד. וכדאיתא,** און אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת שמות (דף י״ב עמוד א׳) אויף דעם פסוק (שמות ב, ה) ״וַתֵּרֶד בַּת פַּרְעֹה לִרְחוֹץ עַל הַיְאוֹר״, און די טאָכטער פון פרעה האָט אַראָפּגענידערט אויף דעם טייך, דאָס מיינט מען די מדת הדין וואָס האָט גענידערט כדי צו שטראָפן די אידן, ״עַל יַד הַיְאוֹר״ מיינט מען די תורה וואָס איז צוגעגליכן געוואָרן צו וואַסער, איבער די פאַרשעמונג פון דער תורה. אָבער דורך תשובה איז מען מוחל אַלע עבירות, אַזוי ווי רבי יהודה האָט געזאָגט: אַלע זאַכן אין דער וועלט ווענדן זיך אין תשובה.

**און** דורך די תפילות וואָס די אידן בעטן צו דעם אויבערשטן, און אֶוודאי געוויס דער מענטש וואָס פאַרגיסט טרערן ביים דאַווענען, ווייל עס איז נישטאָ קיין טויער וואו די טרערן קענען נישט דאָרט אַדורכגיין, אויף דעם שטייט אין פסוק (שם שם, ו) ״וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד״, און זי האָט געעפנט און געזען דאָס קינד. מיינט מען, ״וַתִּפְתַּח״ גייט אַרויף אויף די שכינה, וואָס זי עפנט אייביג אויף צו טרעפן זכותים פאַר די אידן, און וויבאַלד זי האָט געעפנט, ״וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד בּוֹכֶה״, האָט זי געזען די אידן, וואָס ווערן אָנגערופן (ירמיה לא, יט) ״יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים״ - אַ באַליבט קינד (פאַר דעם אויבערשטן). ״וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה״, און דאָס קינד וויינט, דאָס מיינט מען צו זאָגן, די אידן טוען תשובה און וויינען פאַר דעם אויבערשטן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק ווייטער, ״וַתַּחְמֹל עָלָיו״, און זי האָט רחמנות געהאַט אויף אים, דאָס מיינט מען, די דינים און אַלע

שלעכטע גזירות ווערן אָפּגעטוהן פון די אידן, ״וַתֹּאמֶר מְיַלְּדֵי הָעִבְרִים זֶה״, ווייל ער האָט אַ ווייך האַרץ אַזוי ווי פלייש, און זיי (די אידן) זענען נישט האַרטנעקיק פון צו טוהן תשובה.

**און** דו זאָלסט וויסן, אַז אין די פיר תקופות פון יאָר רופט מען אויס צו די מענטשן אַז זיי זאָלן תשובה טוהן, אַזוי ווי איך האָב אויבן געשריבן. דעריבער איז אין יענע צייט דער ריכטיקער זמן נתעורר צו ווערן תשובה צו טאָן, ספּעציעל אין תקופת תמוז, וואָס איז האַרבער פון די אַנדערע תקופות. ווער איז דער מענטש וואָס וועט זיך נישט פאַרכטן און לייגן די דאָזיקע זאַך אויף זיין האַרץ, און ער וועט ציטערן פאַר דעם דין, און ער וועט חרטה האָבן אויף זיינע מעשים און ער וועט תשובה טוהן מיט געוויין און געבעטן, און דאַן וועט מקויים ווערן דער פסוק (ישעיה ו, י) ״וָשָׁב וְרָפָא לוֹ״, און ער וועט תשובה טוהן און ער וועט אויסגעהיילט ווערן.

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די ענין פון תקיעת שופר אין חודש אלול. - דער שופר איז מעורר דעם קרן פון דוד המלך, און דעם קרן פונעם איל ביי עקידת יצחק. - די רמזים פון ״תקיעה שברים תרועה״. - ווי אַזוי אַ תלמיד פון דעם אר״י ז״ל האָט מעורר געווען אידן צו תשובה און מעשים טובים.**

**א. מנהגן,** עס איז איינגעפירט ביי אידן אָנצוהייבן בלאָזן שופר פון ראש חודש אלול, וואָס דאָן איז 30 טעג פאַר ראש השנה. דאָס איז ענלעך צו אַ בעל חוב, וואָס מען גיט אים 30 טעג צייט צוצוגרייטן געלט צו באַצאָלן זיין חוב צייטלעך, דאָס זעלבע גיט דער בית דין של מעלה פאַר דעם מענטש אַ צייט פון 30 טעג תשובה צו טוהן, כדי ער זאָל אַרויסגיין גערעכט ביים בית דין של מעלה דורך טוהן תשובה, תפילה, צדקה, אָפּצוטוהן פון אים די שלעכטע גזירה.

**ב. ושופר,** און דער שופר קומט מעורר צו זיין דעם מענטש, ווייל דער שופר איז מרמז אויף דעם קרן פון דוד און אויף דעם קרן פונעם איל וואָס אברהם אבינו עליו השלום האָט מקריב געווען אויף דער עקידה פאַר זיין זוהן יצחק אבינו עליו השלום, וואָס ביי אים שטייט אין פסוק (בראשית כב, יג) ״אַיִל אַחַר נֶאֱחַז בַּסְּבַךְ בְּקַרְנָיו״, און דער מדרש זאָגט (ילקוט בראשית, רמז קא) אַז ווען די אידן וועלן זיין פאַרוויקלט אין עבירות, וועלן זיי צום סוף אויסגעלייזט ווערן דערפון דורך די הערנער פון דעם ווידער.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק (ישעיה כז, יג) ״בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל״, אין יענעם טאָג (ווען די גאולה וועט קומען) וועט מען בלאָזן מיט דעם גרויסן שופר, ווייל אברהם אבינו האָט געזעהן ווי דער ווידער איז פאַרטשעפּעט געוואָרן מיט זיינע הערנער אין אַ דאָרן, וואָס

דאָס איז געווען אַ רמז אויף דעם שווערן שעבוד פון גלות מצרים און גלות בבל. האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געזאָגט צו אברהם, דאָס איז אַ סימן אַז דיינע קינדער, די אידן, וועלן זיין פאַרוויקלט אין גלות פון מלכות בבל און פון מלכות מדי, און צום סוף וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן דורך דעם וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא וועט דעמאָלטס בלאָזן מיט דעם האָרן פונעם ווידער, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (זכריה ט, יד-טו) ״וַה׳ אֱלֹקִים בַּשּׁוֹפָר יִתְקָע וגו׳ ה׳ צְבָאוֹת יָגֵן עֲלֵיהֶם״, דער אויבערשטער וועט בלאָזן מיט אַ שופר, און דער אויבערשטער וועט דערמיט באַשיצן אויף זיי (אויף די אידן).

## דאָס האַרץ דאַרף אויפציטערן ווען מען הערט שופר

**ג. לכן,** דעריבער, דער מענטש וואָס האָט מורא פון דעם אויבערשטן׳ס רייד, ווען ער הערט דעם קול פון דעם שופר זאָל זיין האַרץ ציטערן און ער זאָל אָנגעפילט ווערן מיט אַ פאָרכט און מורא צוליב די פאָרכט פון דעם אויבערשטן, און פאַר דער שיינקייט פון זיין הערשאַפט. דער שופר איז מרמז ״שַׁפְּרוּ מַעֲשֵׂיכֶם״, פאַרשענערט אייערע מעשים און פאַרלאָזט אייערע שלעכטע וועגן.

## די רמזים פון ״תקיעה שברים תרועה״

**דאָס** וואָס מען בלאָזט תקיעה איז אַ תפילה, דער מענטש דאַרף זאָגן צו דעם אויבערשטן, רבון העולמים, האַר פון אַלע וועלטן, שטעק אַריין צווישן די אידן דעם שם י״ה, וועט דער שם י״ה באַהעפט ווערן צו דעם שם ו״ה, און אַזוי וועט דער שם זיין גאַנץ.

**שברים** איז אַ רמז אַז מיר בעטן דעם אויבערשטן ער זאָל צוברעכן און פאַרלענדן די סטרא אחרא, און דעמאָלטס ״תרועה״, וועלן די אידן שאַלן און זינגען, ווייל די וא״ו מיט די ה״א וועלן זיין צוזאַמען און דער שם הוי׳ וועט דערפילט ווערן.

**ד. על כן,** דעריבער זאָל יעדער מענטש דערוועקט ווערן צו דעם קול

שופר, וואָס רופט אויס און דערוועקט און וואָרנט אַז מען זאָל תשובה טוהן, און שטיי אויף און רוף צו דיין ג-ט מיט געוויין און געבעט, אַזוי ווי עס פירן זיך ערלעכע אידן ווען זיי בלאָזן שופר פון ראש חודש אלול, דרייט מען אויס דאָס פנים צו דער וואַנט, און מען רופט צו דעם אויבערשטן און מען זאָגט, באַגנאַדיק מיך מיך, באַשעפער, ״א-ל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים מִתְנַהֵג בַּחֲסִידוּת״ וכו׳, ״וַיַּעֲבוֹר ה׳ עַל פָּנָיו וַיִּקְרָא, ה׳ ה׳ אֵ-ל רַחוּם״ וכו׳, און אַזוי זאָגט מען די גאַנצע י״ג מדות.

## איינער דאַרף מוכיח זיין דעם צווייטן

**ואחר כך,** און דערנאָך דערוועקט יעדער פון זיי דאָס האַרץ פון זיין חבר צו טוהן תשובה, און אַוודאי געוויס ווען ער זעט אַז זיין חבר טוט נישט קיין גערעכטע זאַך, דאַרף ער אים אַוודאי שטראָפן און אים זאָגן רוואיגערהייט, מיין ברודער, מיין באַליבטער, עס איז געקומען די צייט צו פאַררעכטן די קרומקייט וואָס דו האָסט פאַרקרומט און אויסצוגלייכן דיין וועג, הער אויס מיינע רייד און טוה אָפּ די שטרויכלונג וואָס איז אין דיר, ווייל דו האָסט געטוהן נישט רעכטע זאַכן, דעריבער ווען איך זעה ווי דו טוסט נישט וואָס עס איז רעכט, מוז איך דיך וואָרענען דערוועגן, און אויב דו זעהסט אין מיר אויך אַ זאַך וואָס איז נישט רעכט, זאָלסטו מיר אויך זאָגן אַז איך האָב געטוהן אַן אומרעכט, ווייל מיר זענען אַזוי ווי ברידער, און אונזערע נשמות זענען פון איין אָרט, פון אונטער דעם כסא הכבוד.

## אַ מעשה מיט אַ תלמיד פון דעם אריז״ל, ווי ער האָט מעורר געווען אַנדערע אידן צו תשובה

**ה. וכמו שמצינו,** און אַזוי ווי מיר געפינען ביי אַ חסיד וואָס האָט געהייסן רבי אברהם, אַ תלמיד פון דעם אר״י ז״ל, וואָס ער פלעגט גיין אויף די מאַרקן און אויף די גאַסן און ער פלעגט אויסרופן אַז מען זאָל תשובה טוהן. ער פלעגט איינזאַמלען אַ חבורה פון בעלי בתים און זיי זענען געגאַנגען אין דער שוהל פון די

אשכנזי״ישע אידן, און ער האָט געזאָגט צו זיי, פון מיר זאָלט איר זיך אָפּלערנען אַזוי צו טוהן, מקבל צו זיין אויף זיך די ארבע מיתות בית דין, און ער פלעגט אַריינגיין אין אַ זאַק און באַפוילן מען זאָל אים שלעפּן אויף די גאַנצע לענג און ברייט פון דער שוהל כדי אים צו פאַרשעמען און אַזוי אַרום צו מאַכן אונטערטעניק זיין יצר הרע.

**ואחר כך,** דערנאָך האָט ער באַפוילן אַז יעדער איינער פון די פאַרזאַמלטע אידן זאָל נעמען אַ שטיין וואָס האָט געוואויגן אַנדערהאַלבן ליטרות, און זיי האָבן עס געוואָרפן אויף אים, און דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דעם זאַק, און אין הויף פון דער שוהל איז געווען אָנגעגרייט אַ בעט, אויף דעם בעט איז געלעגן אַ מין גראָז וואָס מען רופט ״ברען נעסטלין״, און ער האָט אויסגעטוהן זיינע קליידער און זיך אַראָפּגעוואָרפן נאַקעטערהייט אויף די ברען נעסטלין און האט זיך געקוילערט אין דעם ביז זיין לייב איז געוואָרן פול מיט בלאָטערן, און דערנאָך האָט מען אים געשלאָגן ניין און דרייסיק קלעפּן אַנטקעגן ״הרג״.

**דערנאָך** האָט ער זיך גע׳טובל׳ט אין אַ מקוה, ווייל די טבילה איז אַנטקעגן ״חנק״, און דערנאָך האָט ער געזאָגט צו די מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען, רבותי, ווער עס וויל געראַטעוועט ווערן פון דעם דין פון גיהנום זאָל טוהן אַזוי ווי איך האָב געטוהן, און באַלד זענען אַלע אָנוועזנדע נתעורר געוואָרן און האָבן גענומען אויף זיך די אַלע יסורים מיט ליבשאַפט און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול מיט אַ געוויין און זיך מתוודה געווען אויף זייערע עבירות, און זיי האָבן זיך פון דאָרט נישט אַוועקגערירט ביז זיי זענען אַלע געוואָרן אמת׳דיקע בעלי תשובה אַלע זייערע יאָרן.

**ו. ובאותו הזמן,** און אין יענע צייט איז געווען אַ מענטש וואָס האָט נישט געוואָלט אַזוי טוהן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז מענטשן זאָלן וויסן אַז ער איז אַ בעל תשובה. וואָס

האָט ער געטוהן? ער האָט גענומען אַ זאַק און איז געגאַנגען נאָך האַלבע נאַכט פאַר דער טיר פון דער שוהל, און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם זאַק, אינגאַנצן פאַרדעקט פון זיין קאָפּ ביז די פיס, אַזוי אַז מען האָט נישט געוואוסט ווער ער איז. ער האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו דער וואַנט און איז דאָרט אַזוי געשטאַנען אַ האַלבע נאַכט און דעם גאַנצן טאָג ביז די קומענדיקע האַלב נאַכט, אַ גאַנצן מעת לעת מיט תפילה און געבעטן און געוויינען.

## די בעסטע תשובה איז באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי צדקה

**ווען** עס איז אַריבער די האַלבע נאַכט, ווען אַלע מענטשן זענען שוין געשלאָפן, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער שוהל און איז געגאַנגען צו זיך אַהיים און מענטשן האָבן נישט געקענט וויסן ווער ער איז, און דער אר״י ז״ל פלעגט זאָגן, דאָס איז זיכער אַ רעכטע תשובה, ווייל תשובה און צדקה זענען גלייך, אַזוי ווי די צדקה וואָס מען טוט באַהאַלטענערהייט איז די בעסטע צדקה (ווייל דער אָרימאַן ווערט נישט פאַרשעמט אויב מען גיט אים צדקה באַהאַלטענערהייט), אַזוי אויך איז די תשובה אַ געהעריקע תשובה ווען זי ווערט געטוהן באַהאַלטענערהייט, ווייל די סטרא אחרא קען אויף אים נישט געוועלטיגן אַראָפּצופירן פון די וועגן פון תשובה.

**והעיקר**, און דער עיקר איז אַז ער זאָל צום ערשט מקיים זיין דעם פּסוק (תהלים לד, טו) ״סוּר מֵרָע״, און דערנאָך זאָל ער מקיים זיין ״וַעֲשֵׂה טוֹב״ (שם, שם), און דאַן וועט מקויים ווערן ביי אים וואָס די חז״ל זאָגן (שבת דף ק״ד עמוד א׳) ״הבא לטהר מסייעין אותו״, דער מענטש וואָס קומט זיך רייניגן פאַרן אויבערשטן, העלפט מען אים פון הימל אַז ער זאָל קענען תשובה טוהן.

❖ ❖ ❖